**נומער 28.7**

<u>ע ק ז ע ק י ו ט י ו ו   א ר ד ע ר</u>

**דעקלערנדיג א דיזעסטער עמערדזשענסי אין ניו יארק סטעיט**

**וויבאלד,** לויט אפטיילונגען 362 און 365 די פובליק העלט סערוויסעס אקט 42 U.S.C §§ 362 און 365, און די איינפירנדע רעגולאציע ביי 42 C.F.R. § 71.40, אום אוגוסט 2, 2021 האט דער דירעקטאר פון די פאראייניגטע שטאטן צענטער פאר דיזיז קאנטראל (Center for Disease Control and Prevention, CDC) ארויסגעגעבן א *פובליק העלט ווידער-אפשאצונג און באפעל וואס שטעלט אפ די רעכט צו אריינברענגען געוויסע מענטש פון לענדער וואו א קוואראנטין-בארע אריבערפירבארע קראנקהייט עקזיסטירט* (דער "טיטל 42 באפעל");

**וויבאלד,** דער טיטל 42 פארבאט מיגראציע אריין אין די פאראייניגטע שטאטן דורך "געדעקטע נישט-בירגער" וואס רייזן פון קאנאדע אדער מעקסיקא (אפגעזען פון זייער אפשטאם לאנד) וועלכע וואלטן אויסער דעם געווארן אריינגעברענגט אין א קאנגרעגעיט אומגעבונג אין אן אריינגאנג פארט אדער פאראייניגטע שטאטן גרעניץ פאטראל סטאנציע ביי אדער נעבן די פאראייניגטע שטאטן לאנד און נעבנדיגע וואסער גרעניצן;

**וויבאלד,** אפילו מיט טיטל 42 אין קראפט, זענען א גרויסע צאל מיגראנטן מיט באלדיגע האוזינג און סערוויס געברויכן אנגעקומען אין די סיטי און סטעיט פון ניו יארק אין פארלויף פון די ערשטע פאר מאנאטן פון די יאר: ביז מאי האט די סיטי פון ניו יארק אליין צוגעשטעלט צייטווייליגע האוזינג פאר 36,738 מיגראנטן פון די דרום'דיגע גרעניץ, א צאל וואס האט זיך געהעכערט מיט 12,279 מענטשן זייט יאנואר 2023; אריינרעכענענדיג נאך 1,578 מענטשן אין בלויז איין וואך.

**וויבאלד,** זינט טיטל 42 איז אפגעלאפן אום מאי 11, 2023 האבן נאך טויזנטע מענטשן זיך געוואנדן פאר שעלטער אין ניו יארק, מיט ניו יארק סיטי אליין זייענדיג יעצט פאראנטווארטליך צו צושטעלן שעלטער פאר מער פון 65,000 מיגראנטן;

**וויבאלד,** פעדעראלע שטיצע איז קריטיש וויכטיג צו שטיצן ניו יארק סיטי און אנדערע לאקאלע רעגירונגען אינערהאלב די סטעיט וואס מאנגלען אין די אינפראסטרוקטור, פאסיליטיס, און ריסאורסעס וואס זענען נויטיג צו נאכקומען די באלדיגע הומאניטעריען פארלאנג פאר האוזינג און נאכקומען אנדערע איינפאכע געברויכן פון די גרויסע צאל מיגראנט אנקומענדע; און

**וויבאלד,** דער אנקום פון העכערע צאלן מיגראנטן וואס זוכן שעלטער אין די סיטי און סטעיט או ניו יארק איז ערווארטעט צו פארערגערן א שוין-יעצט גרויסע הומאניטעריען קריזיס און שאפן א דיזעסטער עמערדזשענסי צו וועלכן לאקאלע רעגירונגען קענען נישט גענוג רעאגירן, שאפנדיג א דראאונג צו געזונטהייט און זיכערהייט, וואס קען רעזולטירן אין די פארלוס פון לעבן אדער פראפערטי; און

**יעצט, דערפאר, טוה איך, קעטי האקול,** די גאווערנאר פון ניו יארק סטעיט, מיט די כוח פון די אויטאריטעט געגעבן פאר מיר דורך די קאנסטיטוציע פון ניו יארק סטעיט און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון די עקזעקיוטיוו געזעץ, דערמיט פארלענגערן די סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי ווי עס איז דעקלערט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 28 און אירע נאכפאלגנדע ארדערס, און איך טוה דערמיט פארזעצן די טערמינען, באדינגונגען און אפשטעלונגען וועלכע זענען אויסגערעכנט געווארן אין עקזעקיוטיוו ארדער 28 און די נאכפאלגנדע ארדערס, ביז דעצעמבער 20, 2023.

א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין אלבאני סיטי אום דעם איין און צוואנציגסטן טאג פון נאוועמבער, אין דעם יאר צוויי טויזנט דריי און צוואנציג.

דורך די גאווערנאר

סעקרעטאר פאר די גאווערנער